NYC
אפיס פון עמערזשענסי פארוואלטונג
אפטיילונג פון ערצי

## ניצט אייער אייגענע וועג זיך

# צוצוגרייטן




## אינעווייניג אין די ווייט-אויט

READY NEW YORK
NYC OFFICE OF EMERGENCY MANAGEMENT

# זייט גרייט ניו יארק

## ניצט אייערע אייגענע
## וועג זיך צוצוגרייטן



©2013 עד קאונסיל און די ניו יארק סיטי אפיס פון עמערזשענסי פארוואלטונג.
שריפט און אויסלייג דורך די ערציאונג צענטער, LLC

# אינעוויינג אין די ווייט-אוט

"סאפיא. סאפיא, וועק דיך אויף."

טראָץ איר קליינע ברודער׳ס האקן, האט סאפיא געוואלט שלעפן די ווארעמע דאכענע אונטער איר געגאק און צוריק איינזינקן אינעם חלום וועלכע זי האט יעצט געהאט. נאך אלעם, איז געווען שבת.

"סאפ. קום. וועק זיך אויף."

סאפיא האט נישט געדארפט עפענען אן אויג צו וויסן וואו נאנט איר ברודער איז. ער האט דאס אלעמאל געטון.

"גיי קוק דיינע קאריקטורן," האט סאפיא אריינגערעדט אין איר קישן. "גיי, שטער די מאמע׳ן."

"אבער די שניי!"

די ווארט שניי האט פאראורזאכט א דריי אין סאפיע׳ס מח. זי האט געעפענט איין אויג און געזען א זעלבסט-צופרידענע שמייכל אויף איר ברודער׳ס פנים.

"יא, שניי," האט ער געזאגט. "עס איז א שטורעם אינדרויסן!"

סאפיא האט פארמאכט אירע אויגן נאכאמאל און זיך איבערגעדרייט אויפ׳ן ריקן, אבער אפילו מיט אירע אויגן פארמאכט, האט זי געקענט זאגן אז די ליכטיגקייט אין איר צימער איז אומגעוועגליך. עס איז געווען ביידע, טונקעלער און ווייסער פון א געווענליכע שבת צופרי אינמיטן ווינטער. זי האט געעפענט אירע אויגן און זיך אויפגעזעצט. זי האט נישט געקענט גלייבן וואס זי האט געזען – און וואס זי האט נישט *געקענט* זען. זי האט נישט געקענט זען די געווענליכע דעכער, דערנעבנדיגע געביידעס, אדער ווייטע בריקן. זי האט נישט געזען וואלקענעס אדער די זון אדער אפילו רעגן אדער נעפל. אויב זי האט אנגעשטרענגט אירע אויגן, האט זי געקענט זען אומקלארע מוסטערן פון געביידעס און דעכער, אבער מערסטנס האט זי נאר געזען שניי. דיקע טאנצעדיגע שנייעלעך האבן געשטראמט.



"האסטו געוויזן פאר די מאמע?" האט סאפיא געפרעגט.

"ניין. זי איז נישט דא."

"נישט דא? זשאי, וואס מיינסטו זי איז נישט דא? האסטו איר אויך אויפגעוועקט אדער נישט?"

"ניין," האט ער געזאגט. "ווייל זי איז נישט דא."

געוויסע צייטן האט סאפיא געטראפן איר קליינע ברודער זיין אויפרעגנד. זי האט צוריק געווארפן איר ווארעמע דאכענע און נאכדעם גלייך חרטה געהאט דערויף. זשאי האט געקראכט פון איין פענסטער צו די אנדערע. אין זיינע עלעקטריק-בלויע פאזשאמעס, האט ער אויסגעזען ווי א באטל פון ליכטיגקייט.

"שניי דארט. שניי דארט. און שניי דארט."

ארויסגייענדיג פון איר צימער, האט סאפיא זייער געוואלט זוכן אירע שטעק-שיך. די ערד איז געווען אייז קאלט. און מיט יעדע טריט אוועק פון איר בעט, האט זי באמערקט אז די דירה איז אויסערארדענטליך קאלט.

"מאמע, זאג פאר זשאי זאל מיך צורו לאזן," האט סאפיא אויסגערופן אריינגייענדיג צו איר מאמע׳ס שלאף צימער.

סאפיא׳ס מאמע׳ס בעט איז געווען געמאכט.

"איך האב דיר געזאגט," האט זשאי געזאגט.

סאפיא האט דורכשפאצירט די ליידיגע קאך מיט איר קליינע ברודער וועלכע האט איר נאכגעפאלגט. ער האט געזינגען א לידל. אלע ווערטער אינעם לידל זענען געווען *שניי* – "שניי, שניי, שניי, שניי."

אויפ׳ן קאוטש אינעם ליווינג רום, האט סאפיא באמערקט א מיידל עטליכע יאר עלטער פון זיך. זי איז געווען איינגעהילט אין די פאמיליע׳ס פוטבאל דאכענע און פלינק געמישט איבער די טשענעלס פון די טעלעוויזיע.

זשאי׳ס שניי ליד האט זיך געענדיגט. "זי ווייסט וואו די מאמע איז," האט ער געזאגט, ארויפטאנצענדיג אויף די סאפע צו די זייט פון די פרעמדער.

"ווער זענט איר?" האט סאפיא געפרעגט בשעת׳ן רייבן די אויגן.

"איך בין עס, אליוו. פון אראפ די קארידאר." אליוו האט זיך אפגעשטעלט אינדערצייט וואס סאפיא האט זיך דערמאנט. *אליוו! אוודאי*, האט זי געקלערט. עס איז נישט געווען קיין וואונדער אז סאפיא האט נישט באמערקט איר שכנה. דאס לעצטע מאל וואס סאפיא האט געזען אליוו, זענען אירע האר נישט געווען העל פינק.

"דיין מאמע איז געגאנגען העלפן דיין באבע. איר קאר איז געשטראנדעט אין די שניי. דו קענסט צוריקגיין אין בעט אויב דו ווילסט. זי האט געזאגט אז זי וועט צוריק זיין ביז עטליכע מינוט," האט אליוו געזאגט.

אה, אקעי," האט סאפיא געזאגט אבער זיך נאכדעם אפגעשטעלט. "ווארט. זי וועט צוריק זיין ביז אפאר מינוט? ווען האט זי דאס געזאגט?"

אליוו האט אן חשק ארויסגעצויגן איר ארעם פון אונטער די דאכענע. ערגעץ אויף איר האנט צווישן צענדליגע ברעסלעטס, האט זי געפונען איר זייגער.

"בערך א שעה צוריק," האט זי געזאגט.

צוריק ביז א פאר מינוט. אבער דאס איז געווען א שעה צוריק? עפעס האט דא נישט געשטימט. סאפיא האט געטראכט אז זי קען צוריק גיין שלאפן און זיך אויפוועקן ווען איר מאמע איז אינדערהיים אדער קען זי זיך אנטון – אריינגערעכנט דאס לייגן ווארעמע זאקן אויף אירע פארפרוירענע פיס – און איבערגיין איר 'פאמיליעס' עמערזשענסי פלאן איבער וואס צו טון אויב א בליזערד פאסירט.

**אויב סאפיא באשליסט צוריק צו גיין אין בעט, מיש צו בלאט 6.**

**אויב סאפיא באשליסט זיך אנצוטון און איבערגיין איר פאמיליע׳ס עמערזשענסי פלאן, מיש צו בלאט 8.**

**סאפיא באשליסט צוריק צו גיין אין בעט.**

ווען זי האט צוריק שפאצירט צו איר שלאף צימער, האט סאפיא געהערט אן עמערזשענסי אויסרופונג איבערהאקן וואס אוממער אליוו האט געקוקט. זי האט געהערט ווערטער ווי *רעקארד*, *בליזערד*, *קראפט קורצשלוס*, און *אינעוויינ׳ג*. עס איז געווען מער איבער וויפיל עס איז איר אנגעגאנגן צו וויסן. זי האט בלויז געוואלט זיין צוריק אונטער איר ווארעמע דאכענעס.

סאפיא האט זיך אריינגעדרייט אינעווייניג אין איר דאכענע ביז ווילאנג נאר איר נאז האט זיך ארויסגעשטעקט. א גערידער ווי א ווייטע קוויטשען האט איר דערמאנט אז א בליזערט האמערט אינדרויסן, אבער באלד וועט איר מאמע זיין אינדערהיים און עס וועט זיין א נארמאלע שבת נאכמאל. אפשר וועט איר מאמע מאכן לאטקעס.



סאפיא איז צוריק איינגעשלאפן, אבער עס איז נישט געווען א רואיגע שלאף ווי בעפאר. זי איז געווארן געשטערט דורך די שטורעמ׳דיגע ווינט וועלכע האט געהאקט אין פענסטער. און זי איז מער נישט געווען ווארעם און בא׳רואיג׳ט. יעצט האט זי זיך נישט געקענט זען ווערן נאכאמאל ווארעם.

סאפיא האט געעפנט אירע אויגן. זי האט געטראפן זשאי איר אנקוקן נאכאמאל. דאס מאל האט ער געציטערט און געהאלטן זיין קעצל, מר. וויסקערס.

״עס איז נישטא קיין יוטיליטי. ווארעם מיך אן,״ האט ער געזאגט, וועט זיין קול ציטערט אביסל אינדערצייט וואס ער האט געטאנצן אונטער איר דאכענע ביי איר זייט. זיינע פיס זענען געווען ווי בלאקס פון אייז.

״מער נישט קיין קאריקטורן?״ האט סאפיא געפרעגט.

״קעיבל איז געגאנגן, און דאן האבן מיר פארלוירן די קראפט סיי ווי.״

״הממ, זשאי-אייזיגע-פיס, איך קלער אז עס איז צייט פאר אונז אויפצושטיין, זיך אנטון אין אונזערע ווארעמסטע קליידער, און ווערן העכער די קאלטע מצב, האט סאפיא געזאגט. ״גיי צו דיין צימער און טרעף דיינע באליבסטע ווארעמע קליידער. דיקע זאקן, ווארעמע הויזן, עפעס לאנגע-ערמל קליידער אדער א קלייד מיט א קאפל אדערביידע, אדער יענע סוועטער וועלכע באבי מעים האט דיר געקויפט לעצטע חגא.״

״יאק. ניין!״

״יאק, יא,״ האט סאפיא געזאגט. ״עס קען אפשר זיין עקל׳דיג, אבער איך זאג דיר צו עס איז ווארעם. איינמאל מיר וועלן זיך אנטאן, וועלן מיר דארפן באשליסן וואס צו טון.״

**גייט ווייטער צו ״די דערציילונג זעצט פאר״ אויף בלאט 10.**

## סאפיא באשליסט זיך אנצוטון און איבערגיין איר פאמיליע׳ס עמערדזשענסי פלאן.

פונקט דאן, וואס אוממער עס איז געווען וואס אליוו האט געקוקט איז געווארן איבערגעהאקט דורך אן עמערדזשענסי אויסרופונג. איינע פון די לאקאלע טעלעוויזע וועטער פארזענליכקייטן האט ערשיינט אויפ׳ן סקרין, זיינע ציין אזוי ווייס ווי די שנייעלעך אינדרויסן. ער האט אויסגעקוקט אזוי סימפאטיש ווי אייביג.

”עס טוט זיכער שנייען אינדרויסן!“ האט דער וועטערמאן געזאגט.

”איך האף אז זיי צאלן אים גרויסע געלטער. ער איז זייער קלוג,“ האט אליוו געזאגט מיט א קרום שמייכל.

”די סיטי רעקאמענדירט אז אלע זאלן פארבלייבן וואו זיי זענען, זיך צו באשיצן אינעווייניג, און צו נעמען אלע פארהיטונג שריט דוראויס די גרויסע שניי שטורעם,“ האט דער וועטערמאן ווייטער געזאגט. ”די גאסן ווערט אנגעזאמעלט מיט בלאזענדע און פאלענדיגע שניי. מיר הייבן אן באקומען באריכטן איבער קראפט קורצשלוסן.“



”וואס טוט איר קינדער, אין אזא מצב? מיין מאמע שיקט אונז געווענליך צום געשעפט פאר מילך און בעטערים,“ האט אליוו געזאגט.

סאפיא האט געטראכט איבער דעם פאר א מינוט. זי און איר מאמע האבן דורכגעשמועסט די זאך. אינאיינעם, האבן זיי געמאכט אן עמערדזשענסי פלאן און צוזאמענגעשטעלט א געצייג זעקל. די זעקל האט ענהאלטן סיי וואס זיי וואלטן געדארפט איבערצולעבן פאר עטליכע טעג אין זייער דירה. האריקעין, בליזערד, קראפט קורצשלוס – עס האט נישט געמאכט קיין חילוק. זיי זענען גרייט געווען.

״אקעי. דא איז וואס איך קלער אז מיר זאלן טון,״ האט סאפיא אויסגערופן. ״זשאי און איך דארפן זיך אנטאן אין אונזערע ווארעמסטע קליידער. טראכט פון דיקע זאקן, ווארעמע הויזן, ווארעמע העמעדער אדער סוועטשיורטס, וואס אוממער. מיר דארפן זיין גרייט, אין פאל וואס די קראפט ווערט אויסגעשטאלטערט און מיר וועלן נישט האבן קיין הייצונג. נאכדעם וועט מיר דארפן העלפן נעמען די עמערזשענסי געצייג זעקל הונטן פון אונזער די פענטרי. מיר וועלן זיין אקעי. אליוו, איך האב אפאר איבריגע סוועטערס וועלכע קענסט בארגן.״

און דאן האט פאסירט א קראפט קורצשלוס. עס איז פלוצלונג שטיל געווארן אין די דירה. עס איז בלויז געוועזן דאס קלאפן פון די אנטיק זייגער אויף די ביך פאליצע און א *מיאו* פון מר. וויסקערס, זשאי׳ס קעצל, ערגעץ אין קאך.

גייט ווייטער צו ״די דערציילונג זעצט פאר״ אויף בלאט **10**.

## די דערציילונג זעצט פאר.

א קורצע צייט שפעטער, אנגעטון און גרייט מיט איר פלעשלייט, איז סאפיא אריין אין קאך פענטרי קעבינעט מיט אליוו און געפינען די עמערזשענסי געצייג זעקל וועלכע זי און איר מוטער האבן צוזאמענגעשטעלט. ווען זיי האבן דאס געעפענט, איז אליוו געווען בעאיינדרוקט.

"דאס האט באמת אלעס וואס דו דארפסט, נישט אזוי?"

"מיין מאמע האט נישט געוואלט זיין אומפארגעברייט. מיר האבן באשלאסן דאס צוזאמענצושטעלן אזוי אז מיר זאלן קענען בלייבן אין די דירה פאר כמעט א וואך אן דארפן זיך דרייען אינדרויסן. מיר האבן א ווינט-אפ ראדיא, פלעשלייטס, עמערזשענסי דאכענעס, שפייז און וואסער. עס איז אפילו דא צו עסן פאר מר. וויסקערס."

"מיין פאמיליע פארמאגט גארנישט ווי דעם," האט אליוו געזאגט דורכקוקנ'דיג די עמערזשענסי געצייג זעקל. "דאס איז א גוטע עצה. קוק, דו האסט וואסער, אלע סארט גרינג-צו-צוגרייטן עסן, קענס פון עסן, א קען עפענער, בעטעריס, א ערשטע הילף זעקל."



די קראפט האט געצאנקעט צוריק זיך אנצינדענדיג און נאכאמאל זיך אויסגעלאשן. זשאי איז ארויפגעשפרינגען אויף סאפיא'ס האלז אריין אין סאפיא'ס שויס און געווארפן זיינע ארעמעס פעסט ארום איר האלז.

"איך וויל מאמע!" האט זשאי אריינגעשעפשעט אין סאפיא'ס האלז.

"דו קלערסט אז מיר זאלן ארויסגיין און איר זוכן?" האט סאפיא געפרעגט.

**אויב סאפיא און אליוו באשליסן ארויסצוגיין זוכן מאמע, גייט צו בלאט 11.**

**אויב סאפיא און אליוו באשליסן אז עס איז צו געפארפול ארויסצוגיין זוכן מאמע, גייט צו בלאט 13.**

## סאפיא און אליוו באשליסן ארויסצוגיין זוכן מאמע.

"דאס שפירט זיך ווי א רעטונג מיסיע," האט זשאי געזאגט אינדערצייט וואס די דריי האבן צוגעשפארט די טיר פון די דירה הונטער זיך. "עס איז ווי מיר וואלטן געווען נעיווי סיעלס אדער עפעס."

"דו ביסט אזא נאר," האט סאפיא געזאגט, דריקענדיג די עלעוועיטאר קנעפל.

"*אם, העלא?* ער איז א נאר? פונקטליך ווען די עלעקטריצעטעט גייט ארויף ברענגן די עלעוועיטאר פאר אונז, סאפיא?" האט אליוו געזאגט מיט א שמייכל. עפענענדיג די טיר צו די שטיגן, האט זי צוגעלייגט, "מיר דארפן נעמען די שטיגן, קינדער."

אראפגיין די שטיגן איז נישט געווען אזוי גרינג. מיט די אויסגעשאלטעטע עלעקטריציטעט, האבן די עמערזשענסי לעקטערס קוים דערהאלטן די טונקלקייט צו א מינימום.

"שרעקעדיג," האט זשאי געזאגט.

"מיר וואלטן געדארפט צוריקגיין פאר נאך א פלעשלייט. איך גיי האבן אזויפיל פראבלעמען מיט דיין מאמע צוליב דעם," האט אליוו געזאגט.

"אלעס גייט זיין אקעי. לאמיר בלויז בלייבן צוזאמען און פרובירן נישט צו פארשטעלן די ליכטיגקייט."



סאפיא האט אן קיין שרעק געוויזן די וועג. זיי זענען שוין געהאט אראפגעגאנגען בלויז איין שטאק, מיט 11 מער צו גיין, ווען סאפיא האט געכאפט איר שטיוול אויף איר פיס הויזן, פארלוירן איר באלאנס, און שווער געפאלן אויף אירע קניען און האנט געלענק.

"סאפיא!" האט אליוו געוויינט.

סאפיא האט אויסגעשריגן אין פיין, "אוטש!"

אליוו און זשאי האבן געפונען סאפיא זיצן אויף די ערד, צודעקנדיג איר רעכטע האנט געלענק מיט איר אנדערע האנט.

„סאפ, סאפ, ביסטו אקעי?" האט זשאי געוויינט.

„איך וועל זיין אקעי, זשאי. איך בין געפאלן אויף מיין האנט געלענק היבש שווער, אבער עס וועט זיין אקעי. עס שפירט ווי יענע מאל ווען איך בין געפאלן שפילנ׳דיג בעיסבאל. עס איז אקעי...."

„דאס איז עס קינדער. לאמיר זיך צוריק דרייען. מיר וואלטן קיינמאל נישט געדארפט פארלאזן די דירה. מיר זענען זיכערער ווען מיר פארבלייבן דארט וואו מיר זענען געווען," האט אליוו געזאגט.

די דריי האבן זיך צוריק געדרייט און ארויפגעיאגט זיך די שטיגן צו די דירה. זיי זענען אריין אינעווייניג און געשטאנען קוקנדיג איינער אויפ׳ן אנדער׳ן. וואס זאלן זיי יעצט טון?

**גייט צו "סאפיא און אליוו באשליסן אז עס איז צו געפארפול ארויסצוגיין אינדרויסן צו זוכן מאמע" אויף בלאט 13.**

**גייט צו "סאפיא און אליוו באשליסן אז עס איז צו געפארפול ארויסצוגיין אינדרויסן צו זוכן מאמע" אויף בלאט 13.**

**סאפיא און אליוו באשליסן אז עס איז צו געפארפול ארויסצוגיין אינדרויסן צו זוכן מאמע.**

''איך וויל מאמע,'' האט זשאי געוויינט.

''עס איז אקעי, זשאי. איך בין דא. מיר האבן אליוו. און מיר האבן געוויסע אמת'ע קילע עסן, האט סאפיא געזאגט אריבערגייענדיג צו די עמערזשענסי געצייג זעקל און צייגענדיג אים א פעקל פון גרייט-צו-עסן לאקשן.

''זארג זיך נישט, קליינער מאן,'' האט אליוו געזאגט. ''דאס איז אזוי ווי אן אדוועטורע אן צו גיין אין ערגעץ. עס איז א בלייב-אינדערהיים אדוועטורע.

זיינע אויגן האבן זיך געדרייט אין די לעכער.

''זי איז גערעכט,'' האט סאפיא געזאגט. ''טראכט דערוועגן. ווי אזוי וואלטן מיר אפילו געפינען מאמע אויב מיר וואלטן ארויס אין דאס?''

''איך האב א געדאנק, זשאי. איך ווייס נישט פארוואס איך האב נישט געקלערט דערפון פריער!'' האט אליוו געזאגט. ''מיין סעלפאן ארבעט נאך. לאמיר טעקסטן דיין מאמע.'' אליוו האט געהאלטן איר טעלעפאן.

זשאי איז צוגעקומען גלייך פון די פענסטער און זיך געשטופט זיין וועג צווישן אליוו און סאפיא. ער האט געשלעפט היבש פון די דאכענע אין וועלכע אליוו האט זיך געהאט איינגעוויקלט.

''און אינדערצייט וואס ענק צוויי טוען דאס, גיי איך ארויסנעמען א באורד געים פאר אונז זיך צו שפילן,'' האט סאפיא געזאגט, ארומוויקלענדיג איר דאכענע ארום זשאי.

''איך האב אריינגעלייגט 'מאמע, וואו ביסטו? איז אלעס בסדר? מיר זענען אקעי און מירווארטן פאר דיר. טעקסט אונז צוריק. דאס איז אליוו'ס טעלעפאן. זשאי און סאפיא.' איז דאס גוט?'' האט אליוו געפרעגט.

''שיק עס!'' האט זשאי געזאגט.

אליוו און סאפיא האבן צוגעשטימט אז זיי זאלן געבן פאר סאפיא'ס מאמע אביסל צייט צו ענטפערן. מען האט נישט געברויכט זארגן אויב זי האט נישט געענטפערט גלייך. איר טעלעפאן קען זיין אין די בערזל. עס איז מעגליך אז זי הערט עס נישט, אויב די ווינט איז הויך. עס איז מעגליך אז זי האט אן הענטשעך. זשאי האט אויך צוגעשטימט, און סאפיא איז געווען בארואיגט צו זען איר ברודער אביסל זיך אפרוען. די קראפט האט געצאנקעט און זיך אנגעצינדן אין יענעם מאמענט, אבער דאן האט זיך עס צוריק אויסגעלאשן.

''עס קוקט אויס די בעסטע צייט פאר א באורד געים!'' האט סאפיא געזאגט, אויסשפרייטענדיג די אויסוואלן אז זיי זאלן קענען קלויבן.




פונקט דאן, האט אליװ׳ס טעלעפאן געפיפן. עס איז געװען אן ענטפער צו זײער טעקסט.

״עטליכע בלאק פון דערהײם. אלעס אקעי. שװער צו שרײבן מיט הענטשעך. מיט ליבשאפט, מאמע.״

אליװ און סאפיא האבן ערלױבט פאר זשאי צו קלױבן די ערשטע געים צו שפילן – און, אװדאי האט ער אױסגעקליבן די װעלכע ער האט געהאט די מערסטע שאנסן צו געװינען. נאך עטליכע רונדעס, אבער, האט ער באמערקט אז עפעס איז נאך אלץ נישט אין ארדענונג.

״װי לאנג נעמט עטליכע בלאק?״ האט ער געפרעגט.

פונקט דאן, איז די קראפט צוריק געקומען.

״מיר װאלטן געדארפט אראפגײן צו די לאבי און װארטן פאר מאמע,״ האט זשאי פארגעשלאגן.

״איך קלער אז מיר קענען,״ האט סאפיא געזאגט.

״אפשר זאלן מיר בלײבן דא, ״ האט אליװ געזאגט. די קראפט איז צוריק. די דירה װעט זיך צוריק אנװארעמען בקרוב. מיר זענען זיכער דא.״

אויב זיי באשליסן אראפצוגיין צו די לאבי, גייט צו בלאט 15.

אויב זיי באשליסן צו בלייבן ווי זיי זענען, גייט צו בלאט 16.

## זיי באשליסן אראפּ צו גיין צו די לאבי.

זשאי האט זיך ארויסגעאיילט פון די טיר דער ערשטער. ער האט זייער שטארק געוואלט זען זיין מאמע. אליוו איז נישט געווען אזוי זיכער אז זיי האבן געמאכט די ריכטיגע באשלוס. צושפּארענדיג די אפארטמענט טיר, האט אליוו געזאגט פאר זשאי און סאפיא אז זיי זאלן ביידע בלייבן נאנט צו איר.

״די שטורעם דארף אפילו נישט דערגרייכן ביז איר ערגסטע ביז שפּעטער אינעם נאכמיטאג,״ האט אליוו געזאגט. ״עס איז אפילו נישט לאנטש צייט. מיר דארפן נאך אלץ זיין פארזיכטיג.״

״דו ביסט גאנץ פאראנטווארטליך פאר איינער מיט פינקע האר,״ האט סאפיא צוריק געענטפערט.

זשאי האט נאכאנאנד געדריקט די עלעוועיטאר רוף קנעפּל.

״די מער מען דריקט עס, אלץ שנעלער גייט עס,״ האט ער געזאגט. ״עס איז א סייענטיפישע פאקט.״

״זיכער, גערעכט,״ האט סאפיא געזאגט.



א קליינע בעל האט געקלינגן. די עלעוועיטאר איז אנגעקומען. אבער ווי נאר די טיר האט זיך געעפנט, האט זיך די קראפט אויסגעלאשן נאכאמאל. נאך א הויכע בעל אינעווייניג אין די עלעוועיטאר האט געקלונגן. אליוו האט געכאפּט זשאי דאן ווען ער האט געהאלטן ביים אריינגיין אינעם עלעוועיטאר. זי האט אים צוריק געשלעפּט.

״הו אה! שנעל געטראכט,״ האט סאפיא געזאגט פאר אליוו.

״קום, דו אויך. צוריק צו דיין דירה. איך האב געוואוסט אז מיר וואלטן געדארפט בלייבן דארט ווי מיר זענען געווען.״

גייט צו ״זיי באשליסן צו בלייבן דארט ווי זיי זענען״ אויף בלאט 16.

## זיי באשליסן צו בלייבן ווי זיי זענען.

די דריי האבן געשפילט איין באורד געים נאך די אנדערע. פונקט ווען זיי האבן אנגעהויבן א געים פון טשעקערס, האבן זיי געהערט שליסלעך אין די שלאס, און סאפיא און זשאי׳ס מאמע האט דורכשפאצירט די טיר מיט זייער באבע.

”ווער וויל ארויסגיין און שפילן אין די שניי?“ האט זי געפרעגט, שמייכלענ׳דיג.



זשאי און סאפיא זענען צוגעלאפן צו זייער מאמע און איר כמעט אראפגעווארפן מיט זייערע האלזן.

”איך מיין זיי האבן זיך געבענקט נאך דיר,“ האט אליוו געזאגט.

”וואס מאכט דיר אזוי זאגן?“ האט זייער מאמע געפרעגט, ווען זי האט אויפגעהויבן זשאי און אים געהאלזט. זי האט געקישט סאפיא אויף איר באק.

”אליוו, איך קען דיר נישט גענוג דאנקן. דו האסט אונז באמת ארויסגעהאלפן היינט. די שניי איז געפערליך!“

ווי איינער וואלט ווען געווינקן, האט זשאי אנגעהויבן זינגן זיין ”שניי, שניי, שניי“ ניגון. דאס מאל האט ער עס געזינגען הויעך און פריילּיך, וואוסענדיג אז יעדער איז אינדערהיים זיכערערהייט.